LES CAHIERS YIDDISH
Revue culturelle publiée avec le concours du Centre National du Livre

# ייִדישע העפטן



אַלען קליינמאַן : "דאָס זכרונות-בוך"

**Alain KLEINMANN** : *"LE LIVRE DU SOUVENIR"* ©

**n° 120** DECEMBRE 2007 דעצעמבער **prix : 5 euros**

Revue diffusée avec l'aide de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

# ייִדיש אין מאָסקווע

## אינטערוויו מיט מאָטל פאַרבער

### אויפגענומען פון פּראָפעסאָר מאַקס קאָהן
(פּאַריז)

**מאָטל פאַרבער איז 26 יאָר אַלט. ער איז געבוירן אין מאָסקווע, און לעבט דאָרט. ער האָט זיך גענומען צו ייִדיש אין יאָר 1998. ער איז אַ סטודענט פון מאַטעמאַטיק.**

**פּר. מאַקס קאָהן :**
**וויאַזוי זענט איר געקומען צו ייִדיש?**

**מאָטל פאַרבער :**
ס'איז אַ לאַנגע מעשה. כ'שטאַם פון אַ געמישטער רוסיש-ייִדישער משפּחה, דאָס הייסט, קיין ייִדיש-וואָרט האָב איך בעת דער קינדהייט ניט געהערט. ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די "פּערעסטראָיִקע" האָבן מײַנע עלטערן אַרויסגענומען פון די פאַר-שרייבונגען, וועלכע זיי האָבן געמאַכט אַזש אין יאָר 1957 בשעת דעם אינטערנאַציאָנאַלן פעסטיוואַל אין מאָסקווע. דאָס זײַנען געווען לידער פון "באַרי-שוועסטער". כ'האָב די מאַמע געפרעגט : וואָס פאַראַ לשון זיי זינגען? האָט די מאַמע געענטפערט : ייִדיש. נאָר דאָס ייִדיש רעדט מען ניט מער. אַפילו אין ישראל. און ס'איז מיר אַזוי ביטער געוואָרן :

- וואָס איז ? די ייִדישע שפּראַך, וואָס מען רעדט אויף איר שוין ניט ?

- ס'פּאַסט ניט ! - האָב איך באַשלאָסן, און דאָס איז געווען דער ערשטער טראָט אויף די טרעפּ פון ייִדיש.

אַ ביסל שפּעטער האָבן די עלטערן ערגעץ ווו געגומען אַ "זעלבסט לערנבוך" אונטער דער רעדאַקציע פון פּראָפעסאָר שמעון סאַנדלער.



דעמאָלט האָב איך ניט געוווּסט, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום וועל איך טראָגן זײַן אָרען אין זײַן לעצטן וועג.

פון יענעם לערנבוך האָב איך זיך אויסגעלערנט אותיות. שפּעטער בין איך - "ג'ט צו דאַנקען" - אַרײַן אויף די קורסן אין ייִדישן אוניווערסיטעט אין מאָסקווע (לערערקעס זײַנען געווען קאַטיאַ רעמפּעל און אַניאַ סאָראָקינאַ).

פון דאָרטן האָב איך זיך דערוווּסט וועגן ייִדיש-סעמינאַר אין קיעוו, וווּ מײַנע לערערס זײַנען געווען שורה לאַפּיצקאַיאַ און אברהם קאַרפּינאָוויטש ז"ל. ס'איז געווען אין יאָר 1999. אָבער אפשר די בעסטע מעגלעכקייט וואָס איך האָב באַנוצט אין קיעוו איז געווען די באַגעגעניש מיט יורי ווערעניאַפּינען (כ'מוז אים גריסן : ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ קורצע צײַט צוריק - זאָל זײַן מיט מזל, מיט ברכה, מיט פּרנסה, מיט ליבשאַפט און ביז

הונדערט-און-צוואַנציק זאָלן זיי לעבן אין גליק).

צוזאַמען מיט יוראַ האָבן מיר זיך אומגעקערט פון קיעוו און אָרגאַניזירט אונטער איין דאַך פון דער מאָסקווער קהילה דעם "ייִדיש צענטער פון מאָסקווער קהילה". בעת עטלעכע ערשטע חדשים האָבן מיר אַלצדינג געצאָלט פון אייגענער קעשענע, דערנאָך געפונען אַ שטיצע פון "שיקל פישמאַן-פונדאַציע", וואָס ספּאָנצירט דעם צענטער ביז איצט.

ס'איז נויטיק צו זאָגן, אַז אין די בעסטע צייטן האָבן מיר געהאַט 15/20 מענטשן וועלכע זענען געקומען איין מאָל אַ וואָך. איצט פאַרנעמט זיך מיטן צענטער מיין געוועזענע לערערקע און איצט אַ גוטע חברטע אַננאַ סאָראָקינאַ.

אין יאָר 2000 בין איך געפאָרן קיין ווילנע, נאָכדעם אין אַמעריקע - אויף אַ "ייִדיש-וואָך". דאָ מוז איך דערמאָנען, אַז מיין רייזע קיין שטראַסבורג (עלזאַס, מזרח-פראַנקרייך) ווו איך האָב זיך באַקענט מיט אַ סך מענטשן פון דער פראַנצויזישער ייִדישער קהילה. נאָכן שטראַסבורגער קורס בין איך שוין געווען גרייט צו לייענען וואָס אַן אַרטיקל און וואָס אַ בוך איך וויל, און איך האָב פאַרוואָרפן מיינע סעמינאַרישע אַקטיוויטעטן.

**פּר. מאַקס קאָהן :**
**וואָס איז די סיטואַציע מיט ייִדיש אין מאָסקווע און אין גאַנץ-רוסלאַנד?**

**מאָטל פאַרבער :**

אויב זאָגנדיק מיט איין וואָרט איז : בלאָטע. ס'זיינען דאָ אַרום 200.000 ייִדן. אָבער כּמעט אונדזערע ייִדישע קלובן זיינען פּשוט משבה-סקנים - די ייִדישע באָבעלעך און זיידעלעך קלייבן זיך צונויף און זינגען "טום באַלאַלאַיקע". ווייניק פון 10% פון זיי קענען לייענען ייִדישע אותיות און כ'בין זיכער אַז קיינער קען נישט שרייבן זיין נאָמען אויף ייִדיש. ווי איר ווייסט מסתמא, האָבן ייִדן סרוב ניט געלעבט אין מאָסקווע; דאָס הייסט, די וואָס גייען איצט אין אַזעלכע קרייזלעך, זיינען געקומען פון טום המשב אין די 60/70 יאָרן.

זיי פילן זיך נישט ווי ייִדן - אַנדערש וואָלטן זיי שוין מיט אַ 15 יאָר צוריק אַוועגעקפאָרן קיין אַמעריקע אָדער ישראל.

די, וועלכע האָבן געוואָלט לעבן מיט ייִדישן שטייגער, זיינען אַוועק קיין אַלערליי ערטער. די וואָס פאַרבלייבן, ווילן פּשוט האָבן מיט עמעצן צו שמועסן.

ס'זיינען אויך פאַראַן ליובאַוויטשער חסידים. געלט האָבן זיי - ברוך השם - אַסך, און זיי פאַרגרעסערן זייער צאָל דאָ, אין מאָסקווע טאָג איין טאָג אויס. כּמעט אַלע געקומענע פון ישראל און אַנדערע ערטער רעדן פליסיק ייִדיש. אָבער ס'איז ניט קיין חידוש - אין דער וועלט זענען פאַראַן אַ סך חסידישע קהילות וואָס נוצן ייִדיש "פאַרן אינעווייניקסטן באַנוץ". און אויב די באַציִונג צו ייִדן דאָ וועט אַ ביסל זיך ענדערן, וועלן זיי אַלע אַוועקפאָרן - זיי קענען ביז איצט אַפילו ניט קיין רוסיש!

נאָך פאַראַן אַ פאָר יוגנט-קרייזן - איך שאַץ אָפּ, אַז די צאָל מענטשן וואָס לייענען פון מאָל צו מאָל אַ בוך זענען אַן ערך 25. אַ סך גייען צו קלעזמערישע קאָנצערטן. דאָס הייסט ייִדיש אינטערעסירט זיי, אָבער קיין צייט און חיישיק צו לערנען האָבן זיי ניט.

די סיטואַציע איז אַ ביסל אַנדערש אין פעטערבורג, ווו אַליק פרענקעל און זיינע באַקאַנטע האָבן אויפגעבויט אַ פעסטע קהילה. כ'מיין, אַליק וועט אַליין אייך זאָגן וועגן זייערע אויפטועז. אַ חוץ פעטערבורג איז דאָ אַ שטילקייט.

**פּר. מאַקס קאָהן :**
**וואָס מיינט איר וועגן דער צוקונפט פון ייִדיש אין רוסלאַנד?**

**מאָטל פאַרבער :**

כ'האָב, לויט מיין מיינונג, שוין געענטפערט. בלאָטע. ס'איז דאָ מער אָדער ווייניקער גוט פאַר ייִדן. אָבער די לאַגע קען זיך דאָך ענדערן אין אַן אומגליק און כּמעט אַלע וועלן אַוועקפאָרן. איך גלויב ניט אין דער צוקונפט פון ייִדיש אין רוסלאַנד. ס'איז אַלץ שוין געענדיקט.